גליון נד
פרשת תולדות תשפ"ד

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### אהבה לבן בין הבנים

**גילוי דעת: אלעס וואס איז מ'רעדט פון די אבות הקדושים, רעדט מען נישט פון זיי, אונז פארשטייען גאר נישט וועגן זיי, מ'וויל נאר זען אונזער וועלט אין די פסוקי התורה**

### ◆ כל מין אוהב למינו

אין די פרשה שטייט אז יצחק האט ליב געהאט עשיו, און רבקה האט ליב געהאט יעקב, געווענטליך האבן טאטע/מאמע ליב אלע קינדער צוגלייך, אבער דא זעט מען אז ס'איז שייך אז מ'האט איינעם מער ליב, דער טאטע האט מער ליב דעם קינד, און דער מאמע האט מער ליב דעם אנדערן. די עצם אהבה פון טאטע/מאמע צו קינדער איז בודאי צו אלע צוגלייך, אבער די במקרה'דיגע אהבה, דאס איז געוואנדן לפי די נחת, לויט די נחת אזוי איז די אהבה.

אויב דער קינד ראָט אריין אינעם טאטן'ס מעלות, ער איז דעם טאטן'ס נחת, דאן ווערט דער טאטע'ס 'אהבה' שטערקער, און אויב איז ער געראָטן אין דעם מאמען'ס מעלות, ער איז דעם מאמען'ס נחת, דאן איז דער מאמע'ס אהבה שטערקער. און די זעלבע איז מיט די 'חסרונות' (אויף די פארקערטע וועג), אויב ראָטן די חסרונות פונם קינד אינעם טאטען אריין, ער שפיגלט דעם טאטן'ס חסרונות, שטערט ער דעם טאטן'ס 'אהבה', און אויב שפיגלט ער די מאמע'ס חסרונות, דאן קען ער שטערן דעם מאמען'ס אהבה.

אזוי דרייען זיך די געפילן פון נחת און אהבה צו יעדער קינד אנדערשט, יעדער קינד האט זיך זיין וועלט מיט די טאטע און מאמע, לפי דעם טאטן'ס וועלט, וויאזוי ער שאצט מעלות און חסרונות, און לפי די מאמע'ס וועלט, לויט וויאזוי זי שאצט מעלות און חסרונות.

דער זוהר הקדוש (תולדות דף קלז) פרעגט ווי קען זיין אז יצחק האט ליב געהאט עשו הרשע, און דער זוהר הקדוש ענטפערט אז דאס איז א טבע אין די בריאה אז יעדער האט ליב זיין מין, יצחק איז געווען מדת ה'גבורה', האט ער ליב געהאט עשיו וואס האט אויך געהאט די נאטור פון 'גבורה', ס'איז טאקע געווען די 'פסולות' פון גבורה, אבער פארט איז דאס געווען זיין נאטור. ווי די לשון הזוהר הקדוש **'כל זן רחים לזיניה'**, יעדער מין האט ליב זיין מין, יעדער האט ליב די נאטור וואס ראָט אין אים אריין.

לויט ווי געשמועסט איז אין יעדער משפחה דא אזא ענדליכע זאך, אז ס'איז דא קינדער וואס געראָטן אין די טאטע, און ס'איז דא קינדער וואס געראטן אין די מאמע, דער טאטע וועט זיך געווענטליך אנעמען פאר די קינדער וואס געראָטן אין אים, ער וועט פארגלעטן זייערע עֲולות און חסרונות, ער וועט נאר ארויס ברענגען זייערע פאזיטיווע זייט, און די מאמע איז פארקערט, די מאמע וועט זיך אננעמען אויף די קינדער וואס געראָטן אין איר. דאס איז א טבעיות'דיגע זאך אין די בריאה, 'כל זן רחים לזיניה', ס'איז א טבע וואס לויפט אין די גאנצע בריאה.

> **די לשון הזוהר הקדוש 'כל זן רחים לזיניה', יעדער מין האט ליב זיין מין, יעדער האט ליב די נאטור וואס ראָט אין אים אריין**

### ◆ אל ישנה בן בין הבנים

'ויאהב יצחק את עשיו וגו', ורבקה אוהבת את יעקב', מ'דארף פארשטיין די חז"ל זאגען דאך אז 'לעולם אל ישנה אדם בן בין הבנים', איז ווי אזוי האט דא געקענט זיין אהבה צו איינעם מער ווי צו דער אנדערער? ענדליך צו דעם איז שווער אין אונזער לעבן למעשה, ווען זאגט מען דעם כלל פון 'לעולם אל ישנה', ס'איז דאך א מציאות אז מ'האט איינעם מער ליב ווי דעם צווייטן?

די תירוץ איז, אז 'אהבה' איז טאקע א מציאות אין הארץ, ס'איז נישט שייך צו זאגען האב יא ליב אדער האב נישט ליב, די אהבה איז ווי אזוי ס'איז, די חז"ל קומען נאר מזהיר זיין אז מ'זאל נישט משנה זיין מיט א דבר הבולט, 'לעולם אל ישנה בן בין הבנים', מאך נישט א 'שינוי הבולט', א זאך וואס איז בולט שטארק פון אינדרויסן, אזוי ווי ביי יוסף הצדיק וואס ער איז געגאנגן א גאנצע טאג מיטן זיידענעם העמדל, וואס דאס שרייט ווי אויס אז יוסף איז מיוחד, ער איז איז אפגעטיילט ער איז העכער פון אלע אנדערע ברידערס, דאס איז א זאך וואס ברידערס קענען נישט סובל זיין, דאס זאגן אונז חז"ל, דאס איז א זאך וואס מ'טאר נישט טון.

אויך אין מסכת בבא בתרא (דף קל"ג) שטייט אז מ'זאל נישט מעדיף זיין איינער פון די קינדער ווען ס'קומט צו 'עניני ירושה' (חוץ ביי געוויסע פעלער), און אזוי ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך (חו"מ סימן רפ"ב) אז מ'זאל זיך פירן גלייך צו אלע קינדער. דאס איז אויך במיוחד ביי ירושה, וואס אויב מ'איז מעדיף איינעם מער ווי דעם צווייטן, פילט זיך עס ווי ער איז דער עיקר יורש פונעם טאטן, דאס טוט זייער וויי פאר די אנדערע ברידערס, אבער אויף די עצם זאך פון אהבה איז נישט שייך צו זאגן האב יא ליב אדער האב נישט ליב, אהבה זעלבסט איז נישט שייך אפצוהאלטן. אז א מענטש האט מער ליב זיין 'בן זקונים', פארשטייט יעדער אז דאס איז א מציאות, ס'איז נישט דא וואס צו טון, נאר אין די הנהגה דארט זאגן אונז די פוסקים אָן אז מ'זאל נישט מאכן קיין חילוקים.

און די זעלבע זאך איז מיט די ברכות, יצחק האט געוואלט בענטשן עשיו שטילערהייט, אויף א וועג וואס יעקב וועט נישט דוקא וויסן, ס'וועט נישט זיין קיין שום שאלה פון 'לעולם אל ישנה', נאר גראדע איז רבקה געוואר געווארן און זי האט ערלעדיגט אז די ברכות זאלן גיין פאר יעקב.

המשך בעמוד הבא

## עשיו בעסק הפרנסה

יצחק אבינו האט ליב געהאט עשיו, זיין כוונה איז געווען אז 'עשיו' זאל דינען דעם אייבירשטן מיט זיין כח פון גבורות (שם משמואל בשם האבני נזר ע"ש), ער האט ארויסגעקוקט אז עשיו זאל גיין מיט די מהלך פון גבורות, אזויווי די מהלך פון יצחק אבינו זעלבסט.

איינער פון די ענינים וואס באלאנגן צו 'גבורות' איז 'פרנסה', 'מצפון זהב יאתה', און מ'טרעפט ביי יצחק במיוחד די ענין פון פרנסה, און דאס איז אויך וואס יצחק האט געוואלט איבער געבן פאר עשיו.

יצחק אבינו האט עוסק געווען אין פרנסה, די פסוקי התורה זענען מאריך אין די הצלחות פון יצחק אין 'עניני פרנסה', 'ויזרע יצחק וגו" 'ויגדל האיש וגו'. אויך 'עשיו' האט געהאט די כח, עשיו האט אויך פארשטאנען אין 'עסק הפרנסה', און דאס האט גורם געווען די 'אהבה' צו עשיו, ווי די פסוק זאגט כמעט בפירוש, 'ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו', ער האט אים ליב געהאט ווייל ער האט פארשטאנען צו פרנסה.

'ויעקב איש תם יושב אהלים', יעקב איז געווען אפגעטיילט פון די וועלט, יעקב איז געווען כל כולו נאר אין תורה, אבער יצחק אבינו האט געהאלטן פון די מהלך פון דינען דעם אייבירשטן אויך אין די גשמיות, טרעפן דעם אייבירשטן אין די עסק הפרנסה. דאס איז געווען די 'מהלך העבודה' פון יצחק אבינו, און דאס האט יצחק געוואלט אויך איבערגעבן פאר עשיו די דאזיגע מהלך אין עבודה, יצחק האט געהאפט אז אויך עשיו וועט אונזונען האבן דעם אייבירשטן ביים 'עסק הפרנסה'.

די עיקרי ענינים וואס מ'טרעפט ביי אברהם אבינו איז רוחניות'דיגע ענינים, ער איז געווען פארנומען מיט קירוב רחוקים, מיט עבודת התפלה, מיט גמילת חסדים און אזוי ווייטער, אלע זיינע עסקים זענען געווען רוחניות'ידגע. אויך אין פרנסה טרעפט מען נישט אז ער זאל עוסק זיין, און לויט ווי ס'קוקט אויס האט ער טאקע נישט עוסק געווען אין פרנסה, ער האט בעיקר געלעבט אויף מתנות, די מתנות פון פרעה און אבימלך, מ'טרעפט נישט במיוחד ער זאל עוסק זיין אין פרנסה, אלע זיינע ענינים זענען געווען רוחניות.

יצחק אבינו איז געווען פארקערט, מ'טרעפט אסאך רוחניות'דיגע זאכן, מ'טרעפט די 'עקידה', מ'זעט זיין דאוונען, 'ויצא יצחק לשוח בשדה', און 'ויעתר יצחק לה', אבער די פסוקים זענען נישט מאריך אין דעם, אלעס איז איינגעהאלטנע לשונות, קארץ און שארף (אויך איז 'ויעתר' א לשון פון 'מיטשענען', נישט ממש א לשון פון תפלה, און 'לשוח' טייטשט 'שמועסן', והבן). די 'עיקרי ענינים' וואס מ'טרעפט ברייט אויסגעשמועסט ביי יצחק, איז די ענינים פון פרנסה.

די עבודת ה' פון יצחק איז געווען באהאלטן אין די פרנסה, אין די גשמיות'דיגע זאכן, און דאס האט יצחק אבינו געוואלט איבער געבן ווייטער פאר עשיו, וואס אויך זיין מידה איז געווען 'גבורות' און פרנסה, ער האט געוואלט אז אויך ער זאל גיין מיט די דאזיגע מהלך אין עבודת השם. און דאס איז פשט 'ויאהב יצחק את עשיו כי ציד בפיו', ער האט אים ליב געהאט ווייל ער האט עוסק געווען אין פרנסה, ווייל ער איז געגאנגען מיט די מהלך וואס פאסט זיך צו די נאטור פון יצחק אבינו.

## צו סאך אהבה

שטייט אין חז"ל (שמו"ר תחילת ספר שמות, והרבינו בחיי מאריך שם בזה) אז ס'איז דא א תביעה אויף יצחק אבינו אז ער האט געגעבן צו סאך 'אהבה' פאר עשיו, אויב וואלט ער געגעבן אביסל מער 'יראה' וואלט עשיו בעסער אויפגעוואקסן. ענדליך צו וואס די פסוק זאגט ביי 'דוד המלך' מיט 'אדוניהו', "ולא עצבו אביו מימיו לאמר מדוע ככה עשית", און ענדליך צו אבשלום וואס דוד האט אים נישט געגעבן גענוג יראה.

אין די אבות הקדושים האבן אונז נישט קיין שום השגה, אונז קענען נאר רעדן אין אונזער וועלט און נעמען אביסל לעכטיגקייט פון די אבות הקדושים.

ס'קומט אויס אז טאטע/מאמע וויל מוסר'ן א קינד, און זיי שטויסן זיך אָן מיט א שוועריגקייט, אז דער צווייטער נעמט זיך אָן פארן קינד. למשל דער טאטע וויל מוסר'ן, און די מאמע באשיצט דעם קינד, און צומאל פארקערט, דער מאמע זאגט מוסר און דער טאטע באשיצט. וואס ווי פארשטענדליך אז אזא 'מוסר' קען נישט ארבעטן, מוסר מיינט דאך אז ס'ווערט אים קלאר די חסרון, און אויב איינער באשיצט אים איז דאס נישט קיין חסרון, ס'פאלט אוועק די גאנצע כח המוסר.

די סדר איז געווענטליך אז דער טאטע נעמט זיך אָן פאר די קינדער וואס גרעאטן אין אים, און די מאמע נעמט זיך אָן פאר די קינדער וואס גרעאָטן אין איר. דאס איז אזא 'טבע' וואס דער אייבישטער האט באשאפן, אז די טאטע און מאמע זאלן באשיצן און 'פראטעקטן' די קינדער וואס גרעאָטן אריין אין זיי, דאס איז א 'חסד השם' אז א מענטש זאל זיך אליינס באשיצן, און ער זאל באשיצן אויך די קינדער וואס גרעאָטן אין אים.

צומאל אבער איז בעסער נישט צו פראטעקטן און לאזן דעם צווייטן געבן מוסר, אזויווי זיך אליינס איז נישט ריכטיג אלעמאל צו פראטעקטן, א מענטש דארף קענען הערן קריטיג, די סימן פון א אפענע מענטש איז, אז ער קען הערן 'הערות' און קריטיג. איז די זעלבע איז נישט ריכטיג אלעמאל צו באשיצן די קינדער, אפילו זיי גרעאָטן אין דיר און די פארשטייסט בעסער צו זיי, ווייל למעשה דיך איז שווער צו געבן מוסר און יראה, איז לאז דעם צווייטן טון די ארבעט, טראסט דיין שותף צו געבן די מוסר און די יראה (פארשטייט זיך אז מ'רעדט אלעס אויף די ריכטיג אופן, נאכן געבן אסאך קאמפלמענטן וכו').

אזוי ווי אונז טרעפן א תביעה אויף יצחק אבינו און אויף דוד המלך אויף דעם וואס זיי האבן געגעבן צו סאך אהבה, זיי וואלטן געדארפט געבן אביסל מער יראה, איז אודאי אונז פארשטייען נישט די אלע זאכן, אבער אין אונזער וועלט מיינט דאס אז מ'דארף פארקוקן און מיט ארבעטן מיט צווייטן, אז יענער געט מוסר און תוכחה פארן קינד, ארבעט מיט מיט דעם, אז די האסט אים ליב וועסטו געבן די אהבה, און דערנאך וועט יענער מיט ארבעטן מיט דיר, ווען די געסט מוסר ותוכחה פאר דעם קינד וואס זי האט ליב.

## חנוך על פי דרכו

שטייט אין גר"א אין משלי אויף די פסוק 'חנוך לנער על פי דרכו', אז יעדעס קינד איז געבוירן אין זיין טבע, ס'איז דא א קינד וואס איז געבוירן אין 'מזל מאדים' וואס ער מוז זען בלוט, דארף ער דאס אריינלייגן אין די ריכטיגע פלאץ, ער דארף זיין א שוחט אדער א מוהל, אויב נישט וועט ער ח"ו צוקומען צו רציחה. ווייל אויב דאס איז זיין נאטור קען מען עס נישט טוישן, מ'קען עס נאר אריינלייגן אין די ריכטיגע פלאץ, אזוי שטייט פון דער גר"א, אז מ'קען נישט טוישן די נאטורן פון א מענטש.

איז לפי זה איז דא א מעלה אז די טאטע און מאמע זאלן מחנך זיין די קינדער וואס ראָטן אריין אין זיי, יעדער זאל נעמען די קינד וואס ראָט אריין אין זיי, און אזוי וועט ער אים קענען מחנך זיין דעם קינד 'על פי דרכו', וואס נאר ער/זי פארשטייט

המשך בעמוד האחרון

## יעקב'ס אוצרות

אין די פרשה פאנגט זיך אָן יעקב'ס 'בריחה' אנטלויפנדיג פון עשיו, יארן לאנג ברענט שוין די מלחמה צווישן זיי, זינט זיי זענען געבוירן, אבער אלע יארן איז עס געווען אויף א שטילע פארנעם, יעצט קומט עס ארויס אין די עפענטליכקייט, יעקב האט ארויסגע'נערט אלע גוטע סחורה פון עשיו, די בכורה און די ברכות, אלע ניצוצין קדישין, עשיו איז אויסגעליידיגט, ער פלאמט פון כעס. יעקב זעט אז די מצב מסוכן'דיג, ער האט נישט די כוחות צו פירן א אפענע מלחמה מיט עשיו, ער הייבט פיס און ער אנטלויפט קיין חרן.

די אנטלויפן איז נישט מיט א צובראכנקייט, פארקערט ער איז אנגעפילט מיט שמחה אויף זיינע אוצרות, זיינע טאשן זענען פיל, די 'בכורה' איז אין איין טאש, די 'ברכות' און דער צווייטער טאש, ער האט מיט זיך א נצחיות'דיגע עשירות, אלע צרות זענען ווי גארנישט אנטקעגן אזא עשירות, אנטקעגן וואס ער האט זיך דא איינגעהאנדלט.

ס'פאנגט זיך אָן שווערע צייטן פאר יעקב אבינו, מיט די אייגענע צען פינגערס דארף ער אויפשטעלן א פרנסה, ער דארף אנפאנגען א פרנסה פון די התחלה, ער איז גאר ווייט פון די טאטע/ מאמע, ער קען נישט באקומען פון זיי גארנישט קיין חיזוק, ער דארף אלעס אנפאנגען אליין. ער דארף אליין אויפשטעלן א יודישע שטוב, ער דארף אליינס זיך אויסלערנען ווי אזוי צו לעבן מיט אזא שונא ווי 'לבן הארמי', וואס דאס איז נאך די שווערסטע פון אלעס, צו לעבן מיט א שונא וואס וויל דיך באגראבן.

איז מיט די אלע שוועריגקייטן, געדענקט ער אבער פון זיינע אוצרות, אלעס איז ווערט געווען פאר אזעלכע אוצרות, אלע גרויסע נסיונות איז גארנישט אנטקעגן אזעלכע נצחיות'דיגע פארדינסטן.

## יעקב'ס שטארקייט

יעקב'ס אנטלויפט מיט א העכערקייט, 'מלמד שקפצה לו הארץ', ער אנטלויפט נישט ווי א נידריגע גנב, ער האט א העכערע שליחות אויסצופירן אויף די וועלט, ער גייט מיט העכערע געפילן, 'וישא יעקב רגליו', מלמד שנשא לבו את רגליו', ס'גייט זיך אים מיט א לייכטקייט זייענדיג זוכער אז ער האט געטון דעם אייבערשטן'ס רצון. ער האט געוויסט אז ס'קען זיין ער וועט דארפן אנטלויפן פון עשיו, אבער ער האט בוחר געווען אין דעם, ער האט נישט קיין חרטה אפילו אויף איין רגע, ער פארשטייט אז דאס איז די פרייז פאר דעם.

געווענטליך ווען א מענטש דערוויטערט זיך פון זיין פלאץ, פארלירט ער זיין 'קאומפערט זאון', ער פארלירט זיין שטארקייט זוכערקייט און רואיגקייט, אבער יעקב אבינו האט מיט געגומען זיין 'קאומפערט זאון' מיט זיך, ער האט מיט זיך גאר טייערע זאכן, ער האט די בכורה און די ברכות, די סאמע חשוב'סטע וואס די וועלט פארמאגט, ער האט זיין שטארקע נקודה מיט זיך ווי ער גייט. איז וואס זאל אים אנגיין אלע שוועריגקייטן ארום ארום, ער איז בטוח מיט זיין 'מישן' (mission) אין לעבן.

יעקב קומט אָן צו לבן הארמי, ער איז דארטן ווייטער ממשיך מיט די מלחמה קעגען עשיו, יעצט איז זיין עבודה זיך אויפצובויען און זיך אוועקצושטעלן שטארק, אזוי זאל ער שפעטער האבן די כוחות ארויסצוקומען אנטקעגען עשיו און אים באזיגן. יארן יארן האט זיך יעקב געבויט, און אין דער רגע וואס יוסף הצדיק איז געבוירן געווארן, אהה!!! יעצט זעמיר גרייט, יעצט האט מען דערגרייכט די זאך, יעצט וועט ער האבן די כח צו קאנפראנטן עשיו'ן פנים אל פנים, ער פאקט זיך די פעקלעך און גייט קיין ארץ ישראל, אפילו אויב עשיו קומט קעגן אים איז ער גרייט, ער האט מיט זיך יוסף.

עשיו האט געהערט אז יעקב קומט, איז ער אים אנטקעגען געקומען מיט א מלחמה, די פסוקים פארציילן ווי יעקב אבינו האט זיך פעסט געגרייט, און דער אייבישטער האט געהאלפן אז ער האט נישט געדארפט צו קומען צו דעם, ער האט פשוט געטראפן 'חן' אין עשיו'ס אויגען, ער האט ארויסגע'נערט פון עשיו א כח פון 'חן', און מיט דעם האט ער איגנאנצן באזיגט דעם עשיו, עשיו זעלבסט צוזאמען מיט זיין מלאך.

שטייט אין פסוק אין פרשת וישלח אז יעקב אבינו איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל 'שלם', רש"י זאגט אז ער איז אנגעקומען גאנץ ברוחניות ובגשמיות. דא האט ער דערגרייכט זיין לעבן'ס גאול, ער האט באזיגט עשיו פנים אל פנים, און נאך אלץ געבליבן מיט די גרויסע אוצרות פון די בכורה און די ברכות.

## א יוד'ס אוצרות

בטבע דארף יעדער מענטש האבן א 'קאומפערט זאון' (Comfort Zone), א רואיגע און פארזיכערטע פלאץ, א קינד האט דאס ביי די עלטערן אין די היים, די עלטערן באשיצן די קינדער, די קינדער פילן זיך בטוח אין די הענט פון די עלטערן. שפעטער ווען מ'האט חתונה איז דאס די אייגענע ד' אמות, יעדער מענטש באפעסטיגט זיינע ד' אמות צו זיין דארטן באקוועם און 'קאומפערט'.

מבינים זאגן אז ווי שטערקער די 'קאומפערט זאון' איז, אלץ שטערקער קען זיך דער מענטש אויסשפרייטן, ווי שטערקער און בטוח ער איז ביי זיך אינדערהיים, ביי די נקודה, אלץ שטערקער און מער 'קאנפדענט' קען ער ארויסקומען ארום ארום, אויב די נקודה איז שטארק, איז אויטאמאטיש שטארק אלעס ארום ארום.

אויך די נפש האדם ארבעט אזוי, די נפש האט אויך א 'קאומפערט זאון', ווי מער באקוועם דער מענטש איז מיט זיך אליין, אלץ שטערקער וועט ער ארויסקומען צו אנדערע, ווי מער באקוועם ער איז ביי די נקודת הנפש זיינער, אלץ רואיגער וועט ער זיין זיך מרחיק צו זיין פון די נקודה, און אריינקומען אין עולם המעשה, צו טון און ערלדיגען זאכן פאר זיינע ארומיגע, פאר זיינע 'קרובים' און 'ידידים' און אלע ארום ארום.

די 'קאומפערט זאון' פון א יוד איז זיין נצחיות, א יוד גייט אדורך שווערע נסיונות אין לעבן, וואס געט אים די כוחות אלעס דורך צו גיין, דאס אז זיינע טאשן זענען פיל מיט גוטע אוצרות,

**ווי שטערקער די 'קאומפערט זאון' איז, אלץ שטערקער קען זיך דער מענטש אויסשפרייטן, ווי שטערקער און בטוח ער איז ביי זיך אינדערהיים, ביי די נקודה, אלץ שטערקער און מער 'קאנפדענט' קען ער ארויסקומען ארום ארום**

המשך בעמוד הבא

# ענינים



ער איז 'קאומפערט' מיט זיין נצחיות'דיגע חיים, דאס געט אים די כוחות המלחמה האלטן פאר זיין רוחניות. ס'איז א שווערע מלחמה צווישן טוב און רע, אבער ער איז זיך בוטח אז ער וועט ארויסגיין גאנץ ברוחניות ובגשמיות, און נאך איבער בלייבן מיט א גוטע נצחיות'דיגע רווח אין טאש.

## די שטארקייט פון א יוד

ווען א מענטש איז שטארק מיט זיין זאך, גייט אים נישט אן וואס יענער זאגט, אויב יענער נעמט אים נישט אָן, קומט ער צוריק צו זיין אייגענע שטארק פלאץ. יעקב אבינו איז נישט אנגעגאנגען אלע שווערקייטן, זייענדיג שטארק מיט זיינע אוצרות, די בכורה און די ברכות, אין אלע נסיונות וואס איז אים אונטערגעקומען, איז ער אלץ צוריק געגאנגען צו זיינע אוצרות. איך האב מיינע שטארקע זאכן, איך האב מיין שטארק פלאץ, איך כאפ נישט קיין התפעלות פון אלעס ארום.

ווען א מענטש האט נישט קיין 'קאנפדענס', ווערט ער צובראכן פון מענטשן ארום, ער ווערט צובראכן פון יעדע שווערקייט, אויב האט ער אבער 'קאנפדענט' אין זיין פלאץ, אין זיין נקודה, קען ער אלץ צוריק קומען צו זיין שטארקע פלאץ, ער קען צוריק קומען צו זיינע אוצרות. אויב האט ער נישט קיין אייגענע שטארקייט, ער מוז צו קומען צו אנדערע, איז ווען יענער זאגט אדער טוט ווי וכדומה, מאכט עס אויס ביי אים, אויב אבער ער האט גענוג שטארקייט מיט זיך אליינס, איז דאס אלעס נישט קיין פראבלעם, יעדע זאך וואס ער קען זיך נישט מחבר זיין מיט וועלט, קומט ער צוריק צו זיך, צו זיין נקודה, צו זיין שטארקייט.

א יוד איז מקיים דעם 'פת במלח תאכל וכו', פון ווי האט ער די כוחות פארדעם? אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא', ווי קען זיין 'אשריך בעולם הזה'? נאר פשט איז אז די עצם ידיעה אז ער האט זיך איינגהאנדלט אזא נצחיות'דיגע גוטע זאך, דאס אליינס מאכט אים גאר שטארק פרייליך, דאס אליינס קען דעקן דעם 'אשריך בעולם הזה', די ידיעה און די אמונה וואס ער האט אין די נצחיות, דאס אליינס מאכט אים א גוט לעבן. ער איז שטארק אין זיין פלאץ אין זיין אמונה וואס דאס ברענגט אים חיות אפילו בעולם הזה.

מיט די הרגשה לעבט א יוד, די גאנצע לעבן פונעם יוד איז אויסגעשטעלט מיט די שטארקייט און בטחון, וויסענדיג אז באלד קומט ער צוריק צו זיין קביעות, באלד קומט ער צוריק צו זיין 'קאומפערט זאון' וואס דאס איז 'עולם הבא', זיין נקודה און זיין שטארקייט איז דאס וואס ער האנדלט זיך איין, ווען ער האט א שווערקייט דערמאנט ער זיך פון אלעס וואס ער האט ביי זיך אין טאש, און אלעס אנדערשט אויף דער וועלט קומט נישט צו צו די שמחה פון וואס ער האט זיך איינגהאנדלט.

# פרשה



צו די מהלך לפי זיין נאטור.

אבער דער אמת איז אז אפילו טאקע א מענטש דארף נישט טוישן זיין נאטור, דאס איז נאר אז דער איש ה'חסד' קען זיך נישט טוישן צו די אנדערע זייט צו 'גבורה', אבער ער קען ארבעטן אויף אנצוקומען אינדערמיט, ער קען ארבעטן אנצוקומען צו די מידה פון 'תפארת'. די זעלבע זאך פארקערט, איינער וואס איז גבורה וועט קיינמאל נישט קענען אנקומען צו די אנדערע זייט צו ווערן א 'איש החסד', אבער ער קען יא ארבעטן צו קומען ערגעץ אינדערמיט.

און אדרבא דאס איז אונזער גאנצע עבודה אויף דער וועלט, אז יעדער מענטש זאל זיך אביסל באלאנסירן, אז ער איז חסד זאל ער זיך אביסל בייגן צו גבורה, און דער גבורה זאל זיך אביסל בייגן צו חסד, וואס דאס איז די מידה פון 'תפארת', 'תפארת לו מן האדם ותפארת לעושיה', די מידה וואס העלפט דער מענטש זיך דורך קומען מיט יעדעם.

איז פון איין זייט דארף א מענטש בלייבן אין זיין מידה, ער דארף דרייען זיין אייגענע מידה צו נוצן אויף גוטס, אבער בנוסף לזה דארף מען אויך אביסל זיך עפענען צו די פארקערטע מידה, אזוי זאל ער קענען אנקומען ערגעץ ווי אינדערמיט.

און דאס איז אויך די עבודה אין חינוך פון די קינדער, פון איין זייט דארף מען באשיצן דעם קינד, די טאטע/מאמע וואס די קינד איז געראָטן אין זיי, דארפן באשיצן דעם קינד ער זאל זיך קענען האלטן אין זיין אייגענע מידה, ער זאל זיך קענען האלטן אין די נאטור אין וואס ער איז געבוירן געווארן. אבער פון די אנדערע זייט דארף מען לאזן דעם צווייטן מוסר'ן און פאררעכטן וואס ס'פעלט זיך אויס, אזוי ווי מ'האט געזען ביי יצחק אבינו אז ס'איז געווען א תביעה אויף אים אז ער האט געגעבן צו סאך אהבה, די זעלבע איז דא א תביעה אויפן מענטש ער זאל נישט באשיצן צו שטארק די קינדער וואס ראָטן ארייך אין אים, אזוי זאל דער קינד קענען אנקומען ערגעץ אינדערמיט.

בשורה טובה
ממכון מישרים
מ'קען אראפ נעמען
סליידס (שקופיות) פון
קול הלשון וועבסייט,
ביי די שיעורים
פון ראש מכון מישרים
הרב שלום לאנגסאם שליט"א.
כעת איז דא 23 סליידס

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+